YIDDISHE KULTUR

# יידישע קולטור

חודש־שריפט פונ׳ם
יידישן קולטור־פארבאנד

איקוף

## אינהאַלט

פונעם וואַפנשטילשטאַנד צום אמתן, פולן שלום — — ח. י. ק.
צום 60סטן געבוירנטאָג פון ז. ווײַנפּער:
דער דיכטערישער גאַנג פון ז. ווײַנפּער — — נחמן מייזל
עטלעכע שטריכן וועגן ז. ווײַנפּער — — — יעקב מעסטל
ז. ווײַנפּער — אַ בן ששים — — — — — — ש. [illegible]
זישע ווײַנפּער — — — — — — — — בער האַראָוויץ
צווײ לידער — — — — — — — — — — ז. ווײַנפּער
טשאַרטאָריסק — — — — — — — — — יונה ראָזענפעלד
עטל און דזשוליוס ראָזענבערג (ליד) — — — — — ל. אָליצקי
צום 300סטן יאָרטאָג פונעם יידישן ישוב אין אַמעריקע:
ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו — — — — — ד״ר ח. זשיטלאָווסקי
פרואוון צו גרינדן אַ שרייבער־פאַראיין און אַ
ליטעראַטור־פאַראיין אין אַמעריקע — — — — — נ. מ.
צוויי ביכער וועגן דעם אָקופּאַציע־גיהנום — — — נחמן מייזל
איראָפּייאישע סאָנעטן — — — — — — — — [illegible]
אוירנעסט העמינגוועי — — — — — — — — — אברהם ביק
אין די בערג (לידער) — — — — — — — — — ש. [illegible]
דער שרייבער און די קריטיק — — — — — — — א. ב. [illegible]
ניקאָלאַי קופּערניק — — — — — — — — רפאל [illegible]
בענקשאַפט (ליד) — — — — — — — — — — [illegible]
דער ניו־יאָרקער איקוף־פאָרום — — — — — — — נ. [illegible]
באַמערקונגען צו נ. מײַזלס בוך
וועגן יידישער מוחיק — — — — — — ג. [illegible]
צו י. ב. ביילינס אַלט ווערן 70 יאָר
פון חודש צו חודש (באַמערקונגען) — — — — — — — ח. י. ק.
אינעם קאָמיטעט צו פײַערן דעם 300־סטן יובל (באַריכטן)
טעטיקייטן פון איקוף (באַריכטן און ידיעות)
די לייען־קרײַזן ביים איקוף (בריוו פון שטעט)
נײַע ביכער (רשימה און נאָטיצן) — — — — — — — — א. ב״ז
איקוף־פרײַנט רופן זיך אָפּ אויפן איקוף־אַפּיל (רשימה)



ז. ווײַנפּער
(צייכענונג פון בער האַראָוויץ)

פופצנטער יאָרגאַנג

8

אויגוסט־סעפּטעמבער 1953



50 סענט

# צוויי ביכער וועגן דעם אָקופּאַציע־גיהנום

פֿון גיטל מייזיל / תל־אביב

.1

עס איז שוין אַ היפּשע צייט ווי פֿון פֿאַרשיידענע זייטן, נישט אָפּגערעדטערהייט, איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן און איז ווייט פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די יזכּור־ביכער וועגן דער נאַצי־צייט ווערן נישט געלייענט. מעג די נאַציאָנאַל־היסטאָרישע ווערט פֿון אַזאַ מין בוך זיין ווי גרויס, מעג דערביי די מענטשלעכע און אויך קינסטלערישע אַנטפּלעקונג זיין ווי טיף. מיט אַט־דער סבֿרא הערן נישט אויף זיך אַרומצופּאַנצערן פֿאַרלעגער, קריטיקער און לייענער. סיי ביי אונדז דאָ אין לאַנד, סיי, אַזוי זאָגט מען, אויך אין אַנדערע יידישע ישובֿים אויסערן לאַנד. מערקווירדיק, אַט־די דעה האָט זיך גענומען איינשטעלן גלייך מיט דער נאַצי־מפּלה, אויף די הייסע חורבן־שפּורן ממש. דער ענגלישער דיכטער סטיפֿען ספּענדער ברענגט אין זיין בוך „אייראָפּע עדות" (1946) אַ געשפּרעך צווישן צוויי יידן — אַ פּוילישן און אַן אַמעריקאַנער, — וואָס איז פֿאַרגעקומען אין האַמבורג האַרבסט 1945, בנוגע די דרוקמעגלעכקייטן פֿון אַ כּתבֿ־יד וועגן בעלזען. שוין דאַן, כּמעט אין דער ערשטער נאָך־אָקופּאַציע שעה, האָט דער אַמעריקאַנער ייד פֿאַראויסגעזאָגט און געטענהט, אַז אין אַ האַלב יאָר אַרום וועלן פֿאַר „אַזעלכע" ביכער מער קיין לייענער נישט זיין.

פֿון דעמאָלט אָן ציען זיך און חזרן זיך אָפּט איבער די זעלבע פֿאַראויסזאָגונגען, איבערגעפּלאַכטן מיט טענות, אַז פֿאַר אַן אוממיטלבאַרן עדות־באַריכט איז שוין צו שפּעט. און פֿאַר קינסטלערישן צוריקבליק פֿון אַ ברייט־שעפֿערישן פֿאַרנעם איז נאָך צו פֿרי. אָבער דערווייל גייט זיך די חורבן־ליטעראַטור ווייטער און ווייטער מיט איר סטיכישן גאַנג. עס דערשיינען, נישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען, ביכער אויף ביכער. פֿון צייט צו צייט, אַמאָל דאָ אין לאַנד און אַמאָל אויסערן לאַנד, קומט צו אַ פֿריש בוך וועגן חורבן, וואָס רודערט [illegible] אויף די אַרומיקע און אָפּט אויך די ווייטערע סבֿיבֿה. עס באַשטעטיקט זיך יעדעס מאָל ווידער, דייטלעך און קלאָר, אַז די גרויל־תּקופֿה איז נאָך זייער ווייט פֿון דערגרונטעוועט צו ווערן. מען זעט נאָכאַמאָל באַשיינפּערלעך, אַז דער יידישער אינטערעס דערצו איז ווייט־ווייט צו זיין אויסגעשעפּט.

פֿאַרקערט. עס מערן און פֿאַרכּפֿערן זיך וויכּוחים און חילוקי־דעות וועגן דער דערציערישן באַדייט, נעגאַטיוון אָדער פּאָזיטיוון, פֿון דער ברייט־צעוואָקסענער חורבן־און ווידערשטאַנד־ליטעראַטור. דערביי האַלטן זיך אין פֿורעמען, און ווערן פֿון מאָל צו מאָל אַלץ שאַרפֿער און דייטלעכער, צוויי פֿאַרשיידענע, באַזונדערע אָרט־צוגאַנגען צו די ווערק. איין צוגאַנג איז צו ביכער, וואָס גראָבן זיך איין, וואָס גריבלען זיך קרענקלעך אין די פֿיזישע און גייסטיקע וואונדן, — און לייגן אויפֿן לייענערס געמיט, רויבן צו ביי אים דעם ווילן צו לעבן און די גלוסטונג צו אָטעמען, און פֿון דער צווייטער זייט — אַ גאַנץ אַנדערער צוגאַנג צו שאַפֿונגען, וואָס ראַטן אויס די נאַכוועענישן פֿונעם גייסטיקן צוזאַמענבראָך און וואָס שטאַרקן, דערמוטיקן און אינספּירירן צו אַ ווידערשטאַנד, צו אַ געווונגען געראַנגל און קאַמף פֿאַר אַ מענטשלעך־פֿרייע, אַנטי־נאַצי צוקונפֿט.

עס זיינען לעצטנס דערשינען אין ישׂראל צוויי ביכער וועגן דער אָקופּאַציע־צייט, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר, באַשיינפּערלעך און בולעט, אָט די צוויי פֿאַרשיידענע אַרטן פֿון אַרויסברענגען און שילדערן די גרויל־תּקופֿה. ביידע ביכער האָבן אויף אַ פֿאַרשיידענעם אופֿן אַרויסגערופֿן דאָ־הי אַ ברייטן אָפּקלאַנג.

איין בוך הייסט „בית הבּובֿות", אַרויסגעגעבן פֿונעם היגן פֿאַרלאַג „דבֿיר". דאָס איז נישט קיין ערשטלינג־ווערק. אין 1946 איז פֿונעם זעלבן מחבר אינעם זעלבן פֿאַרלאַג דערשינען דאָס בוך „סלאַמאַנדרה" — אונטערגעשריבן „ק. צעטניק 135633". אויך איצט, אין 1953, נאָך זיבן ארץ־ישׂראלדיקע יאָר, ווייל דער מחבר נאָך אַלץ נישט אומקערן זיך צו זיין יידישן נאָמען, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אים געגעבן, ער שרייבט זיך נאָך אַלץ אונטער „ק. צעטניק 135633", מיט יענעם קאַצעט־נומער, וואָס די דייטשן האָבן בשעתּו אויסגעברענט אויף זיין גוף און אויף זיין וועזן. אויך ביז איצט ווייסט נאָך אַלץ נישט די ברייטע עפֿנטלעכקייט, ווער איז ער פֿריער געווען, וואו האָט ער געווירקט און איז געווען טעטיק און צו וואָס האָט ער געשטרעבט אין די יאָרן פֿאַרן נאַצי־מבול.

פּונקט ווי „סלאַמאַנדרה", דערציילט אויך „בית הבּובֿות" וועגן געטאָ און לאַגער, וועגן הונגער און מאָרד, וועגן אַזאַ אַרט פֿון שינדן און שענדן יידיש לייב און נשמה, וואָס איז ערגער פֿון הונגער, אַ סך ערגער פֿון טויט. וויפֿל שוידערלעכע שמאַך ליגט אינעם נאָמען אַליין: „בית הבּובֿות"! ווער ווייסט; צי האָבן די דייטשן אַזוי שפּאַטיש גערופֿן יענעם מיליטעריש שאַנד־הויז פֿון יונגע יידישע מיידלעך (אינעם נאַציש פֿאַרניכטונגס־לאַגער), וואָס ווערט מיט די גרעסטע פּרטי־פּרטים געשילדערט אינעם צווייטן טייל פֿון ק. צעטניקס ניי בוך. און אויב ניט די דייטשן, — איז ווער?

פּונקט ווי „סלאַמאַנדרה" אין זיין צייט, רופֿט אויך „בית הבּובֿות" אַרויס איצט ביים לייענער און קריטיקער שווערע ספֿקות — צי מעג מען און צי זאָל מען פֿריי באַהאַנדלען אַזעלכע ביכער אַן באַוואָרענישן אַן פֿאַרענטפֿערונגען. דער עיקר, — צי דאַרף עס בכלל טאָן איינער, וואָס האָט פּאַקטיש, פֿיזיש, נישט דורכגעמאַכט דעם געשילדערטן גרויל. די ספֿקות הויבן זיך אָן גלייך, ווי מען נעמט נאָר אין האַנט דאָס בוך „בית הבּובֿות" מיט דער הימל־שרייענדיקער הילע, וואו אַ יונגע פֿרוי רייסט פֿאַרביסן די העמד און עס דאַכט

.1

עס איז שוין אַ היפּשע צייט ווי פֿון פֿאַרשיידענע זיינען, נישט אָפּגערעדטערהייט, איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן און איז ווייט פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די יזכּור־ביכער וועגן דער נאַצי־צייט ווערן נישט געלייענט. מעג די נאַציאָנאַל־היסטאָרישע ווערט פֿון אַזאַ מין בוך זיין ווי גרויס, מעג דערביי די מענטשלעכע און אויך קינסטלערישע אַנטפּלעקונג זיין ווי טיף. מיט אַט־דער סברא הערן נישט אויף זיך אַרומצופּאַנצערן פֿאַרלעגער, קריטיקער און לייענער. סיי ביי אונדז דאָ אין לאַנד, סיי, אַזוי זאָגט מען, אויך אין אַנדערע יידישע ישובֿים אויסערן לאַנד. מערקווירדיק, אַט־די דעה האָט זיך גענומען איינשטעלן גלייך מיט דער נאַצי־מפּלה, אויף די הייסע חורבן־שפּורן ממש. דער ענגלישער דיכטער סטיפֿען ספּענדער ברענגט אין זיין בוך „אייראָפּע עדות“ (1946) אַ געשפּרעך צווישן צוויי יידן — אַ פּוילישן און אַן אַמעריקאַנער, — וואָס איז פֿאָרגעקומען אין האַמבורג האַרבסט 1945, בנוגע די דרוקמעגלעכקייטן פֿון אַ כּתבֿ־יד וועגן בעלזען. שוין דאַן, כּמעט אין דער ערשטער נאָך־אָקופּאַציע שעה, האָט דער אַמעריקאַנער ייד פֿאַרויסגעזאָגט און געטענהט, אַז אין אַ האַלב יאָר אַרום וועלן פֿאַר „אַזעלכע“ ביכער מער קיין לייענער נישט זיין.

פֿון דעמאָלט אָן ציען זיך און חזרן זיך אָפּט איבער די זעלבע פֿאָראויסזאָגונגען, איבערגעפּלאָכטן מיט טענות, אַז פֿאַר אַן אוממיטלבאַרן עדות־באַריכט איז שוין צו שפּעט. און פֿאַר קינסטלערישן צוריקבליק פֿון אַ ברייט־שעפֿערישן פֿאַרנעם איז נאָך צו פֿרי. אָבער דערווייל גייט זיך די חורבן־ליטעראַטור ווייטער און ווייטער מיט איר סטיכישן גאַנג. עס דערשיינען, נישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען, ביכער אויף ביכער. פֿון צייט צו צייט, אַמאָל דאָ אין לאַנד און אַמאָל אויסערן לאַנד, קומט [illegible] וואָס רודערט

[illegible] „איי־
ראָפע עדות“ (1946) אַ געשפרעך צווישן צוויי יידן — אַ פוילישן און אַן אַמעריקאַנער, — וואָס איז פאָרגעקומען אין האַמבורג האַרבסט 1945, בנוגע די דרוקמעגלעכקייטן פון אַ כתב־יד וועגן בעלזען. שוין דאַן, כמעט אין דער ערשטער נאָך־אָקופּאַציע שעה, האָט דער אַמעריקאַנער ייד פאַראויסגעזאָגט און געטענהט, אַז אין אַ האַלב יאָר אַרום וועלן פאַר „אַזעלכע“ ביכער מער קיין לייענער נישט זיין.

פון דעמאָלט אָן ציען זיך און חזרן זיך אָפט איבער די זעלבע פאָראויסזאָגונגען, איבערגעפלאָכטן מיט טענות, אַז פאַר אַן אוממיטלבאַרן עדות־באַריכט איז שוין צו שפעט. און פאַר קינסטלערישן צוריקבליק פון אַ ברייט־שפעדרישן פאַרנעם איז נאָך צו פרי. אָבער דערווייל גייט זיך די חורבן־ליטעראַטור ווייטער און ווייטער מיט איר סטיכישן גאַנג. עס דערשיינען, נישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען, ביכער אויף ביכער. פון צייט צו צייט, אַמאָל דאָ אין לאַנד און אַמאָל אויסערן לאַנד, קומט צו אַ פריש בוך וועגן חורבן, וואָס רודערט אויפסניי אויף די אַרומיקע און אָפט אויך די ווייטערע סביבה. עס באַשטעטיקט זיך יעדעס מאָל ווידער, דייטלעך און קלאָר, אַז די גרויל־תקופה איז נאָך זייער ווייט פון דערגרונטעוועט צו ווערן. מען זעט נאָכאַמאָל באַשיינפערלעך, אַז דער יידישער אינטערעס דערצו איז ווייט־ווייט צו זיין אויסגעשעפט.

פאַרקערט. עס מערן און פרוכפערן זיך וויכוחים און חילוקי־דעות וועגן דער דערציערישן באַדייט, נעגאַטיוון אָדער פאָזיטיוון, פון דער ברייט־צעוואָקסענער חורבן־און ווידערשטאַנד־ליטעראַטור. דערביי האַלטן זיך אין פורעמען, און ווערן פון מאָל צו מאָל אַלץ קלאָרער און דייטלעכער, צוויי פאַרשיידענע, באַזונדערע אַרט־צוגאַנגען צו די ווערק. איין צוגאַנג איז צו ביכער, וואָס גראָבן זיך איין, וואָס גריבלען זיך קרענקלעך אין די פיזישע און גייסטיקע וואונדן, — און לייגן זיך אויפן לייענערס געמיט, רויבן צו ביי אים דעם

# עס אָקופּאַציע־גיהינום

טל מייזיל / תל־אביב

ווילן צו לעבן און די גלוסטונג צו אָטעמען. און פון דער צווייטער זייט — אַ גאַנץ אַנדערער צוגאַנג צו שאַפונגען, וואָס ראָטן אויס די נאָכווייענישן פונעם גייסטיקן צוזאַמענבראָך און וואָס שטאַרקן, דערמוטיקן און אינספּירירן צו אַ ווידערשטאַנד, צו אַ געזונטן גע־ראַנגל און קאַמף פאַר אַ מענטשלעך־פרייע, אַנטי־נאַצי צוקונפט.

עס זיינען לעצטנס דערשינען אין ישראל צוויי ביכער וועגן דער אָקופּאַציע־צייט, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר, באַשיינפּערלעך און בוילעט, אָט די צוויי פאַר־שיידענע אַרטן פון אַרויסברענגען און שילדערן די גרויל־תקופה. ביידע ביכער האָבן אויף אַ פאַרשידע־נעם אופן אַרויסגערופן דאָ־הי אַ ברייטן אָפּקלאַנג.

איין בוך הייסט „בית הבבות", אַרויסגעגעבן פו־נעם היגן פאַרלאַג „דביר". דאָס איז נישט קיין ערשט־לינג־ווערק. אין 1946 איז פונעם זעלבן מחבר אינעם זעלבן פאַרלאַג דערשינען דאָס בוך „סלמנדרה", — אונ־טערגעשריבן „ק. צטניק 135633". אויך איצט, אין 1953, נאָך זיבן ארץ־ישראלדיקע יאָר, וויל דער מחבר נאָך אַלץ נישט אומקערן זיך צו זיין יידישן נאָמען, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אים געגעבן. ער שרייבט זיך נאָך אַלץ אונטער „ק. צטניק 135633. מיט יענעם קאצעט־נומער, וואָס די דייטשן האָבן בשעתם אויסגעברענט אויף זיין גוף און אויף זיין וועזן. אויך ביז איצט ווייסט נאָך אַלץ נישט די ברייטע עפנטלעכקייט, ווער איז ער פריער געווען, וואו האָט ער געווירקט און איז געוועזן טעטיק און צו וואָס האָט ער געשטרעבט אין די יאָרן פאַרן נאַצי־מבול.

פונקט ווי „סלמנדרה", דערציילט אויך „בית הבבות" וועגן געטאָ און לאַגער, וועגן הונגער און מאָרד,

[illegible] אינעם
[illegible] דאָס בוך „סלמנדרה“, — אונ־טערגעשריבן „ק. צעטניק 135633“. אויך איצט, אין 1953, נאָך זיבן ארץ־ישראלדיקע יאָר, ווייל דער מחבר נאָך אַלץ נישט אומקערן זיך צו זיין יידישן נאָמען, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אים געגעבן. ער שרייבט זיך נאָך אַלץ אונטער „ק. צעטניק 135633. מיט יענעם קאַצעט־נומער, וואָס די דייטשן האָבן בשעתּם אויסגעברענט אויף זיין גוף און אויף זיין נשמה. אויך ביז איצט ווייסט נאָך אַלץ נישט די ברייטע עפנטלעכקייט, ווער איז ער פריער געווען, וואו האָט ער געווירקט און איז געווען טעטיק און צו וואָס האָט ער געשטרעבט אין די יאָרן פאַרן נאַצי־מבול.

פונקט ווי „סלמנדרה“, דערציילט אויך „בית הבבות“ וועגן געטאָ און לאַגער, וועגן הונגער און מאָרד, וועגן אַזאַ אַרט פון שינדן און שענדן יידיש לייב און נשמה, וואָס איז ערגער פון הונגער, אַ סך ערגער פון טויט. וויפל שוידערלעכע שמאַך ליגט אינעם נאָמען אַליין: „בית הבבות“! ווער ווייסט: צי האָבן די דייטשן אַזוי שפּאָטיש גערופן יענעם מיליטערישן שאַנד־הויז פון יונגע יידישע מיידלעך (אינעם נאַצישן פאַרניכטונגס־לאַגער), וואָס ווערט מיט די גרעסטע פּרטי־פּרטים געשילדערט אינעם צווייטן טייל פון ק. צעטניקס נייַ בוך. און אויב ניט די דייטשן, — איז ווער?

פונקט ווי „סלמנדרה“ אין זיין צייט, רופט אויך „בית הבבות“ אַרויס איצט ביים לייענער און קריטי־קער שווערע ספקות — צי מעג מען און צי זאָל מען פריי באַהאַנדלען אַזעלכע ביכער אָן באַוואָרענישן און אָן פאַרענטפערונגען. דער עיקר, — צי דאַרף עס בכלל טאָן איינער, וואָס האָט פאַקטיש, פיזיש, נישט דורכ־געמאַכט דעם געשילדערטן גרויל. די ספקות הויבן זיך אָן גלייך, ווי מען נעמט נאָר אין האַנט דאָס בוך „בית הבבות“ מיט דער הימל־שרייענדיקער הילע, וואו אַ יונגע פרוי רייסט פאַרביסן די העמד און עס דאַכט

זיך, אויך די הויט פון איר אַנטבלויזטער אויסגעדאַרטער ברוסט מיט די ריזיקע איינגעברענטע אותיות Feld-Hure A13652. די ספקות לאָזן נישט אָפּ אויך נאָכדעם, ווי מען לייענט איבער דאָס לעצטע זייטל פון בוך און מ׳בלייבט אויסגעליידיקט, אַנטמוטיקט, דערדריקט. בלויז אַ פּאָר עקשנותדיקע געדאַנקען רייסן זיך אַרויסגעזאָגט צו ווערן, טראָץ אַלע ספקות. און זיי ווערן דאָ אַרויסגעזאָגט, מיט זייער אַ שווער האַרץ.

„בית הבבות" איז געשריבן אין ישראל, פראַנק און פריי, אין היינטיקע נאָרמאַלע באַדינגונגען. דאָס בוך ווערט דערלאַנגט אויף אַ גוטן, סאַמעט־גלאַטן פּאַפיר, מיט אַ שיינער קלאָר פערלדיקער שריפט. זאָרגפעלטיק, איידל און עסטעטיש, אָנגענעם און גלעטנדיק פאַר דער האַנט פונעם לייענער, לייכט און צוציענדיק פאַר זיין אויג. נישט געשווינט און נישט געשאַנעוועט בלייבט אָבער דער מוח און האַרץ פונעם לייענער. פּראָטעסטירט אַליין פון זיך דער געפייניקטער מוח. ווערט זיך אינסטינקטיוו דאָס געפייניקטע האַרץ פון אַ באַשטימטן טייל לייענער, — און זיי קאָנען נישט אָננעמען, זיי קאָנען נישט אָנערקענען דאָס בוך. בשעת אַ צווייטער טייל לייענער שאַצט דאָס בוך אָפּ זייער הויך. איז דאָך „בית הבבות" פּרעמירט געוואָרן מיט אַן אויסעראָרדענטלעכער פּרעמיע אין חולון. האָט דאָך אַן אָנגעזעענער היגער עלטערער שרייבער (ג. שאַפּמאַן) אָנגערופן דאָס בוך — „ספר קדוש" (הייליק בוך).

געוויס, — עס זיינען דאָ אינעם בוך אייניקע שטעלן, וואָס ווירקן שטאַרק און איינדרוקספול; עס זיינען דאָ בילדער פון קרעפטיקן אויסדרוק און פאַרב. געוויס זיינען דאָ אפילו פאַראַן איינצלנע מאָמענטן, וואָס שטראַלן אַרויס מיט אַן אינערלעך־מענטשלעכער

האַרץ פון אַ באַשטימטן טייל לייענער, — און זיי קאָנען נישט אָננעמען, זיי קאָנען נישט אָנערקענען דאָס בוך. בשעת אַ צווייטער טייל לייענער שאַצט דאָס בוך אַפּ זייער הויך. איז דאָך „בית הבבות" פּרעמירט געוואָרן מיט אַן אויסעראָרדענטלעכער פּרעמיע אין חולון. האָט דאָך אַן אָנגעזעענער היגער עלטערער שרייבער (ג. שאַפּמאַן) אָנגערופן דאָס בוך — „ספר קדוש" (הייליק בוך).

געוויס, — עס זיינען דאָ אינעם בוך אייניקע שטעלן, וואָס ווירקן שטאַרק און איינדרוקספול; עס זיינען דאָ בילדער פון קרעפטיקן אויסדרוק און פאַרב. געוויס זיינען דאָ אפילו פאַראַן איינצעלנע מאָמענטן, וואָס שטראַלן אַרויס מיט אַן אינערלעך־מענטשלעכער ליכט. וואו עס ווערט דערציילט וועגן וועווקע, דעם שוסטער פון געטאָ, וואָס טראָגט זיין שוסטערשן טיש, ווי אַ פאָן. און וועגן דעם שניידער זאַנוול לובלינער אין לאַגער, — ווי אַזוי זייביידע העלפן אַרויס די אָרעמיקע אין זייער ווילדער נויט. וועגן דעם פאָטער, וואָס זאָגט מיט אַ מנין קאַצעט־לייט קדיש נאָך זיין פאַרפּייניקטן בן־יחיד. און לסוף וועגן דעם לעצטן קאַצעט־וועג פון דער קליינער פרומער צביה, ווי אַזוי מען פירט זי צום מאָרד־פּלאַץ, אונטער די בליקן פון הונדערטער צוקוקער, נאַקעט, געשענדט און פאַרשוועכט, און זי פאַרשפּרייט אַרום זיך, נאַענט און ווייט, אַן אַ שיער ריינע, זויבערע שיין.

אָבער אָט־די און נאָך אַנדערע אָפּגעריסענע, צעוואָרפענע העלע שטעלן און מאָמענטן, — זיי זינקען איין, איינציקווייז, אין אַ נעבלדיק־קלעפּיקן, פינצטערן תהום, וואָס שרעקט מיט שטומער אַנגסט און מיט טויט.

שרעק, גוואַלד־שרייענדיקע שטומקייט, אומקום, דאָס זיינען אייגנטלעך די הויפּט־העלדן פונעם בוך, וואָס באַוועגן זיך אָפּגעזונדערט, אַליין פאַר זיך, אויף אייגענעם באַראָט. זיי וואַקסן, וואַקסן איבער און דערשטיקן יעדן אָטעם, יעדן שפּראַץ פון אויסזיכט און

האָפענונג. נישט בלויז דעמאָלט, נאָר אויך שפּעטער, אויף אַלע מעגלעכע ווייטערדיקע צייטן. עס ווערט אינעם גאַנצן בוך גאָר נישט פאַראויסגעזען און אויך נישט פאַראויסגעפילט, אַז ערגעץ־וואו זאָל וועלן־נישט־איז אויפשטיין אַזאַ מין קעגן־כוח, וואָס קאָן אויסלייזן, דערלייזן פון אָטאָ דער טויטער אַנגסט. דער מחבר מאָלט און באַשרייבט פּינקטלעך, גענוי, ווי אַזוי דער גייסט פון אַ מענטשן ווערט צעקלאַפּט, ווערט צעקנאַקט אויף פּיץ־פּיצלעך. די יעניקע אָבער, וואָס האָבן זיך טראָץ אַלעמען נישט איינגעבראָכן, סיי אין געטאָ און סיי אין לאַגער, — זיי גייען פאַרביי אינעם בוך, ווי פרעמדע, ווי באַשעפענישן פון אַן אַנדער פּלאַנעטע. פאַר זיי האָט דער מחבר נישט קיין ווערטער, און נישט קיין פאַרבן. גאָר־גאָרנישט. צוויי מאָל אין משך פונעם דערציילערישן גאַנג פרעגט זיך דער מחבר, פון וואַנען שעפּן יענע מענטשן זייער כוח, אין וואָס באַשטייט פּאָרט זייער קראַפט. ער פרעגט בלויז, אָבער ביזן סוף פונעם בוך בלייבט ער אַליין און לאָזט אויך דעם לייענער אָן אַ תשובה דאַרויף.

אומקום, פיזישער ווי גייסטיקער, — פון אים קאָן זיך ק. צטניק גאָר נישט אָפּטיילן. בשעת דער טויט איז ביי אים פאַרגעשטעלט פילזייטיק און פילגעשטאַלטיק, קומט ביי אים אַרויס דאָס לעבן, דער עיקר אין נאָרמאַלע געזונטע צייטן, שוואַך און בלאַס. די ליכטיקסטע וואָר איז ביי אים שטענדיק איבערגעפלאָכטן מיט חלומות־קאָשמאַרן, וואָס פאַרשפּרייטן אַ שווערמוטיקע אָפּגלאַנץ־נעץ. דער לעצטער גסיסה־אויסדרוק און גסיסה אויסגעשריי, וואָס גליווערן קאַלט אויף די פנימער פון די פאַרפּייניקטע, רעדן, דערציילן און מאָנען אַ סך מער, ווי דער וואַרעמער מענטשלעכער אָטעם און קול, און עס דאַכט זיך, — דער מחבר טראָגט אַנטקעגן דעם מת אַ סך מער דרך־ארץ און פּיעטעט, ווי דעם לעבעדיקן מענטש. עס דאַכט זיך, אַז אינעם מאַסןגעראַנגל צווישן לעבן און טויט [illegible] ק. צטניק אַרויס,

פונעם בוך בלייבט ער אַליין און לאָזט אויך דעם לייע־
נער אָן אַ תשובה דאַרויף.

אומקום, פיזישער ווי גייסטיקער, — פון אים קאָן זיך ק. צטניק גאָר נישט אָפּטיילן. בשעת דער טויט איז ביי אים פאַרגעשטעלט פילזייטיק און פילגעשטאַלטיק, קומט ביי אים אַרויס דאָס לעבן, דער עיקר אין נאָרמאַלע געזונטע צייטן, שוואַך און בלאַס. די ליבטיקסטע וואָר איז ביי אים שטענדיק איבערגעפּלאָכטן מיט חלומות־קאָשמאַרן, וואָס פאַרשפּרייטן אַ שווערמוטיקע אָפּגלאַנץ־נעץ. דער לעצטער גסיסה־אויסדרוק און גסיסה אויסגעשריי, וואָס גליווערן קאַלט אויף די פּנימער פון די פאַרפּייניקטע, רעדן, דערציילן און מאָנען אַ סך מער, ווי דער וואַרעמער מענטשלעכער אָטעם און קול, און עס דאַכט זיך, — דער מחבר טראָגט אַנטקעגן דעם מת אַ סך מער דרך־ארץ און פּיעטעט, ווי דעם לעבעדיקן מענטש. עס דאַכט זיך, אַז אינעם מאָסן־געראַנגל צווישן לעבן און טויט, טרעט ק. צטניק אַרויס, ווי אַ ליידנשאַפטלעכער פירזאָגער פון אומקום און טויט.

אפשר דערפאַר שטעלט זיך אַ באַשטימטער טייל לייענער אַזוי קעגן ק. צטניקס פינצטערער מגילה. עס פאַרדריסט זיי, וואָס דער מענטש ווערט דאָרט אַזוי האָפענונגסלאָז צו־נישט אין דער געדיכט־צונויפגעגאָסענער שאָטנדיקער מאַסע. און עס דערוועקט זיך און שטאַרקט זיך אין זיי אַ געזונטער הייסער פּראָטעסט קעגן דעם. און נאָך מער, און דער עיקר, קעגן דעם, וואָס ק. צטניק רעדט וועגן מערדער און געמאָרדעטן, וועגן פּייניקער און געפּייניקטן, מיט איין און דעם זעלבן קרענקלעכן הינערפלעט־אָטעם. וואָס ער נישטערט אָפּט אַרויס אַ פּיינלעכן שעמען זיך, אַ שטאַרקן בושה־געפיל — ביים קרבן. און וואָס די טייערע יונגע יידישע מיידלעך אין שאַנד־הויז ווערן אַרויסגעבראַכט מיט דער זעלבער אויסטערלישער סעקסועל־סאַדיסטישער שפּאַנונג, ווי די פּערווערזע פּייניקערין, די ווילד־חיהשע דייטשקע.

דער נאָמען ק. צטניק, אפילו מיטן צוגאָב פונעם

אינדיווידועלן נומער 135633, — איז ריזיק מחייב. אַ סך לייענער קאָנען אויפנעמען זיין שטים, ווי די שטים פון אַ געטאָ־מענטש אָדער פון אַ קאַצעטניק בכלל. לאָזט עקשנותדיק בישט צורו די פראַגע, איז טאַקע ביי די געטאָ־לייט און קאַצעטניקעס געווען שטאַרקער די פאַראַכטונג צו זיך אַליין, אײדער זייער שנאה צום שונא? און אין וועמען האָבן זיי אייגנטלעך אַזוי ברע־נענדיק געוואָלט זיך נוקם זיין, אין שונא און אין זיינע נאָכפאָלגער, אָדער אין זיך אַליין און אין אונדז? ווייל דאָס בוך „בית הבבות", פונקט אַזוי ווי פריער „סל־מנדרה" — שטראָפט טאַקע אין דער ערשטער ריי דעם מענטש פונעם געטאָ און לאַגער און דערמיט אויך יעדן איינציקן פון אונדז.

.2



אַ לויטערן, אַ לויכטנדיקן ענטפער אויף די עקשנותדיק־פינצטערע געדאַנקען און פראַגן, וואָס „בית הבבות" רופט אַרויס, גיט דאָס צווייטע בוך וועגן אָקו־פּאַציע־צייט, וואָס איז ערשט דערשינען אין ישראל. דאָס איז „יומנה של יוסטינה" פון גוסטא דאַווידזאָן, מיט די לענגערע באַגלייט־ווערטער פון נחמן בלומענ־טאַל, אַרויסגעגעבן פונעם היגן פאַרלאַג „קיבוץ המאוחד", מיט די 5 פאָטאָגראַפישע בילדער, פון דער מחברין, איר מאַן און נאָך דריי אירע חברים. אַלע מיט אַזעלכע יונגע אָפענע ליכטיקע פנימער, אַלע אַקטיווע מיטגלידער פון דער קראָקעווער יידישער אונטערער־דישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אַלע פינף געפאַלן אין קאַמף מיטן דייטש.

פון „בית הבבות" ביז „יומנה של יוסטינה" איז אַ לאַנגער וועג. עס איז פונקט ווי מען זאָל זיך אַרויס־רייסן פון אַ תושכדיקער געפענקעניש, אויף דער ברייט־



אַרויסגעגעבן פֿונעם היגן פֿאַרלאַג „קיבוץ המאוחד“, מיט די 5 פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער, פֿון דער מחברין, איר מאַן און נאָך דריי אירע חברים. אַלע מיט אַזעלכע יונגע אָפֿענע ליכטיקע פּנימער, אַלע אַקטיווע מיטגלידער פֿון דער קראָקעווער ייִדישער אונטערערדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אַלע פֿינף געפֿאַלן אין קאַמף מיטן דייטש.

פֿון „בית הבבות“ ביז „יומנה של יוסטינה“ איז אַ לאַנגער וועג. עס איז פּונקט ווי מען זאָל זיך אַרויסרייסן פֿון אַ חושכדיקער געפֿענקעניש, אויף דער ברייטער העלער מענטשלעכער פֿריי. עס ציט און עס גלוסט זיך וואָס לענגער אָפּצושטעלן זיך אויף אָט דער שאַפֿונג. שוין די פּרטים אַליין, ווי אַזוי דאָס טאָג־בוך איז געשריבן געוואָרן און ווי אַזוי עס איז דערגאַנגען צו אונדז — רופֿן אַרויס אינעם לייענער גלויבן אין מענטשן און צוטרוי צו זיך.

דאָס טאָג־בוך פֿון יוסטינאַ דערשײַנט שוין צום צווייטן מאָל. דאָס ערשטע מאָל איז עס דערשינען אין אָריגינאַל, אויף פּויליש, צוריק מיט 7 יאָר, — אין קראָקע. די ייִדישע היסטאָרישע קאָמיסיע, וואָס האָט דאָס בוך אַרויסגעגעבן האָט דערצו צוגעגעבן דריי־ערליי הקדמות: פֿון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע און פֿון דעם מחברס צוויי פּאַרטיי־און קאַמפּס־חברים.

אַ טייל פֿון די פּויליש־לייענער האָט זיך פֿון יענער אויסגאַבע צום ערשטן מאָל בכלל דערוואוסט וועגן דער מחברין גוסטא דאַווידזאָן דרענגער. אַן אַקטיווער מיגגליד פֿון דער ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג „עקיבא“, האָט זי פֿאַר דער מלחמה רעדאַגירט זייער צייטשריפֿט „צעירים“. דעם טאָג־בוך, בעצם בלעטלעך וועגן דעם אונטערערדישן קאַמף, האָט זי געשריבן בשעת איר פֿאַרלעצטן זיצן אין דער נאַצי־טורמע, אָנהויב 1943. געשריבן מיט אַ כעמישן בלייפֿעדער

אויף שטיקלעך טואַלעט פּאַפּיר פון פאַרשיידענע פאָר־
מען און מאָסן, וואָס זי האָט זיי זאָרגפעלטיק צוזאַמענ־
געלייגט אין אַ בלעכערנער פושקע און עס פאַרשטעקט
אינעם אויוון פון דער קאַמער, — איידער זי איז
אַנטלאָפן פון דער טורמע. זי איז דאַן אַלט געווען 25
יאָר. אַ סך עלטער דערפון איז זי, ווייזט אויס, שוין
קיינמאָל נישט געוואָרן. סוף 1943 איז זי צום דריטן
און לעצטן מאָל אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די







גוסטאַ דאַווידזאָן־דרענגער

דייטשן, צוזאַמען מיט איר מאַן שמעון דרענגער (מאַ־רעק), איינעם פון די מוטיקסטע אָנפירער פון דער קראָ־קעווער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. גענוי ווען און ווי אַזוי זיי זיינען ביידע אומגעקומען און וואוהין זייער יונגער געביין איז אַהינגעקומען, האָט קיין שום זכר און קיין שום שפור נישט אַרויסגעזאָגט. נישט דעמאָלט, צוריק מיט 7 יאָר, און אויך נישט איצט.

צום סוף פון יענער אויסגאַבע אין פויליש קומט אַ רשימה פון אַ 40 יונגע, זייער יונגע מענטשן, וואָס ווערן אין טאָג־בוך דערמאָנט אין פאַרבינדונג מיטן אונטערערדישן קאַמף און וואָס עטלעכע און דרייסיק צווישן זיי זיינען געפאַלן אָדער אומגעקומען מיט כל־ערליי מיתות משונות. אין זייער צאָל אויך גוסטאַווס שוועגערין צעשא, אַ מיידל פון אַ יאָר 16, און איר פּלי־מעניקל איטוש, אַ ייִנגל פון 5 יאָר...

אָט דאָס זיינען די ראַמען פון דער קראָקעווער אויסגאַבע! וואָס קאָן שוין באמת זיין טויט־טרויעריקער און מערדעריש־דערדריקנדער דערפון? קאָן דען אַזאַ יזכור־בוך זיין נאָך מער, ווי אַ דערפילטער חוב אָנדענק פאַר דער קראָקעווער יידישער אונטערערדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אַן אָנדענק פאַר גוסטאַ מיט אירע חברים? אַזוי וואָלט זיך געקאָנט דאַכטן, איידער מען האָט געלייענט די וואַרעם־אָטעמדיקע רייד פון גוסטא. ווער עס האָט זיך נאָר פאַרטיפט אין יענע האַרציק־וויבערירנדיקע רייד איז עפּעס מעשה וואונדער, אַרויסגעקומען דערנאָך מאָדנע געשטאַרקט און דערמוטיקט. ווי אַ רעטנדיקער לייכט־טורעם האָבן אירע ווערטער אַרויסגעשטראַלט צו אונדז פון דער געדיכטער חושך־אָקופּאַציע. צו אונדז און איבער אונדזערע קעפּ ברענגען זיי אַריין אין דער צוקונפט פיל יידיש און מענטשלעך ליכט, וואָס שפּרודלט מיט גלויבן, מיט ליבע, מיט מוט. דעריבער איז די גאַנצע צייט אַזוי גרויס געווען דער וואונטש, אַז יוסטינעס טאָג־בוך זאָל דערגיין אומעטום, וואו עס שלאָגט נאָר אַ יידיש, אַ מענטשלעך האַרץ.

נאָך 7 לאַנגע יאָר, — אָט די יאָרן, בשעת אַ טייל פון אונדזער היגן עולם האָט זיך געמאַכט אַ באַקוועמע געוואוינהייט אויפצונעמען מענטשלעכן און יידישן וואונדער, פּונקט ווי דאָס וואָלט פאַר זיי געווען גע־

צייט אַזוי גרויס געווען ווי [illegible] טאָג־בוך זאָל דערגיין אומעטום, וואו עס שלאָגט נאָר אַ יידיש, אַ מענטשלעך האַרץ.

נאָך 7 לאַנגע יאָר, — אָט די יאָרן, בשעת אַ טייל פון אונדזער היגן עולם האָט זיך געמאַכט אַ באַקוועמע געוואוינהייט אויפצונעמען מענטשלעכן און יידישן וואונדער, פּונקט ווי דאָס וואָלט פאַר זיי געווען געוויינלעך, טאָג־טעגלעך ברויט, — ברענגט „יומנה של יוסטינה“ אין העברייאיש אַרויס דאָ פאַר זיי איינעם פון יענע יידיש־מענטשלעכע וואונדער, וואָס איז מסוגל דורכצוברעכן די גלייכגילטיקסטע ווענט. האָט דאָך גוסטא דאַווידזאָן זיך בפועל ממש מוסר נפש געווען, כדי דעם כתב־יד וואָס־בעסער אויסצופּאַרטיקן, צוצוגרייטן דערפון עטלעכע עקזעמפּליאַרן, וואָס־זיכערער זיי צו באַוואָרענען פאַר דער נאָענטער און פאַר דער וויטער צוקונפט. אין דער ערשטער רייע פאַר יונג און אַלט דאָ אין לאַנד. אַזוי זאָגט זי בפירוש אין איר טאָג־בוך. און געטאָן האָט זי עס דאָך אונטער אַ שטענדיקער טויט־געפאַר. אין אומשטענדן, וואָס האָבן געצוימט, געפענטעט און געהאַמעוועט יעדן אָטעם־צוג. עס האָבן איר ביים איבערשרייבן אַרויסגעהאָלפן פיל חברטעס אין איר קאַמער. פון דער טורמע־קאַמער טאַקע, וואָס זיי האָבן אַלע צוזאַמען פאַרוואַנדלט אין זייער גייסטיקן רעטונגס־אַנקער. מיט אייגענע דאָרט טאַקע געשאַפענע לידער, מיט אַן אייגענעם קאַמער־הימן. זיי האָבן צוזאַמען איבערגעלעבט דאָרט די דערהויבנסטע שעהן פון „שבת אחים גם יחד“. דאָרט — אין דער אַטמאָספער פון ענווים און מאָרד.

ווי עס ווייזט אויס איז פון יענע עטלעכע קאָלעקטיווע איבערגעשריבענע כתב־ידן געפונען געוואָרן בלויז איינער, וואָס ליגט איצט ציטעריק אָפּגעהיט אין דער פייער־קאַסע פון „בית יצחק קאַצענעלסאָן“ אינעם קיבוץ „לוחמי הגיטאות“. דערפון איז אָפּגעדרוקט געוואָרן די פריערדיקע אויסגאַבע אין פויליש. פון אָט דעם כתב־יד טאַקע איז איבערגעזעצט און אַרויסגעג־

ער קראָקעווער
טויט-טרויערי-
פון? קאָן דען
רפילטער חוב
אונטערערדי-
ן פאַר גוסטאַ
צקאָנט דאַכטן,
טעמדיקע רייד
זיפּט אין יענע
מעשה וואונ-
שטאַרקט און
טורעם האָבן
פון דער גע-
איבער אונ-
צוקונפט פיל
פרודלט מיט
איז די גאַנצע
אַז יוסטינעס
שלאָגט נאָר

בשעת אַ טייל
אַ באַקוועמע
און ייִדישן
געווען גע-
„יומנה של
זיי איינעם
ס איז מסוגל
האָט דאָך
נפש געווען,
טיקן, צוצו-

געבן די היגע אויסגאַבע אין העברייאיש, אַ פאַררוכטע, אַ געאָרדנטע און אַ פאַרטיילטע אויף קאַפּיטלען. אָבער אויך אָט דער איין-און-איינציקער עקזעמפּליאַר, אויס-באַהאַלטן און אָפּגעראַטעוועט ביי אויסטערלישע אומ-שטענדן, וואָס קלינגען ווי אַ פאַרצייטיקע פאָלקס-גע-שיכטע (איז איצט, אגב, נאָך נישט אויסגעפּלאָנ-טערט, נישט אויפגעקלערט ביזן סוף), — איז אויך ניט קיין פולער, עס פעלן גאַנצע דריי קאַפּיטלען פונעם אָנהויב, עס פעלט דער סוף און עס פעלן אויך 2 קאַ-פּיטלען און אַ זייטל אינמיטן.

וועגן דעם אַלעם, פּונקט ווי וועגן נאָך אַ סך און אַ סך פּרטים און מעשים, ווייזן אָן און דערציילן די באַגלייט-רייד (דברי לוי, הערות ונספחות) פון נחמן בלומענטאַל אין דער איצטיקער אויסגאַבע. זיי זיינען, לאָזט זיך אויס, בלויז אַ טייל פון נאָך און נאָך מאַטע-ריאַל אַרום דעם טאָג-בוך פון יוסטינאַ, וואָס נ. בלו-מענטאַל האָט אָנגעזאַמלט ביז איצט, בכתב און בעל-פּה, פון די פאַרשיידנסטע דאָקומענטן און פון די לעבן-איבערגעבליבענע עדות, גאַנץ גענוג פאַר אַ ברייטע-רער מאָנאָגראַפיע.

מיט זיינע באַמערקונגען און דערקלערונגען אין דער איצטיקער אויסגאַבע פילט נ. בלומענטאַל אויס סיי די קליינע און סיי די גרויסע בלויזן אינעם דער-ציילערישן גאַנג. אין יעדן שפּאַלט און שפּאַרונע פון דער סיפּור-המעשה שטעלט ער אַריין נאָך און נאָך צו-גאַב-ידיעות פון דעמאָלט און אויך פון פאַר דעם און פון נאָך דעם. אויסגעהאַלטן און טריי באַגלייט ער נישט נאָר יעדן געמאַכטן, נאָר אויך יעדן געפּלאַנטן שריט און טריט פון גוסטאַ און אירע חברים. דער-

פה, פֿון די פֿאַרשיידנסטע דאָקומענטן און פֿון די לעבן־איבערגעבליבענע עדות, גאַנץ גענוג פֿאַר אַ ברייטערער מאָנאָגראַפֿיע.

מיט זײַנע באַמערקונגען און דערקלערונגען אין דער איצטיקער אויסגאַבע פּילט נ. בלומענטאַל אויס סײַ די קליינע און סײַ די גרויסע בלויזן אינעם דערציילערישן גאַנג. אין יעדן שפּאַלט און שפּאַרונע פֿון דער סיפור־המעשה שטעלט ער אַרײַן נאָך און נאָך צוגאַב־ידיעות פֿון דעמאָלט און אויך פֿון פֿאַר דעם און פֿון נאָך דעם. אויסגעהאַלטן און טרײַ באַגלייט ער נישט נאָר יעדן געמאַכטן, נאָר אויך יעדן געפּלאַנטן שריט און טריט פֿון גוסטאַ און אירע חברים. דערבײַ שליסט ער אויף אײן קאָנצענטראַציע־שלאָס נאָכן צווייטן, קלערט אויף און באַלויכט גוסטאַס פֿאַרשיידנאַרטיקע נויט־באַדינגטע באַוואָרענישן און אַנדייטונגען פֿון יענער צייט און סביבה. נ. בלומענטאַל ברענגט אַרויס די לופֿט און אַטמאָספֿער פֿון אומדערהערטן גרויס און מוט, וואָס זײַנען נאָך אַלץ אומגעהויער שווער צו באַנעמען און צו באַגרײַפֿן.

אָט אַזוי, דורך די באַגלייט־רייד פֿון נ. בלומענטאַל ווערן פֿיל קלאָרער, מענטשלעך אונטערשטראָכענער און היסטאָריש באַגרינדעטער די הויפּט־אייגנשאַפֿטן פֿונעם טאָג־בוך, וואָס האָבן איבערראַשט שוין אין דער ערשטער אויסגאַבע אויף פּויליש, און זיי איבערראַשן נאָך מער אין דער איצטיקער העברייאישער אויסגאַבע.

דאָס טאָג־בוך פֿון יוסטינאַ איז אייגנטלעך נישט גרויס. אויך דער צייט־אָפּשניט, וואָס ווערט דאָרט געשילדערט איז פֿאַרהעלטנמעסיק קורץ. סך־הכל דרײַ חדשים, פֿון סוף אויגוסט ביז סוף נאָוועמבער 1942. לויטן געפֿיל און לויט דער פֿאָרם איז דאָס בוך ווייך־פֿרויאיש און פּערזענלעך אינטים, אָבער עס איז ממש צו שטוינען, וויפֿל אַלגעמיין מענטשלעכע און נאַציאָנאַל־געזעלשאַפֿטלעכע ווערטן עס ליגן דאָרט איינגעפּרעסט. די מחברין אַליין באַטראַכט אירע זכרונות ווי

דעם אויג, אויער און מויל פון אירע חברים פאַר און בשעת זייער אונטערערדישן קאַמף. דערפון נעמט זיך די ציל־באַוואוסטקייט און קאָנצענטרירטקייט ביים שרייבן. דערפון אַזוי פיל אחריות און אַזאַ זעלבסט־קאָנטראָל. עס קומט נאָך נאַטירלעכערהייט דערביי צו גוסטאַס איינגעבאָרענע קינסטלערישע קראַפט צו שילדערן, וואָס פורעמט און מאָלט סיטואַציעס, געשטאַלטן און פסיכאָלאָגישע צושטאַנדן בוילעט און שאַרף.

לייענען זיך טאַקע די זכרונות ווי אַ כישוף־מגילה, וואָס הערט נישט אויף אַליין פון זיך פאַנאַנדערצוואוויקלען זיך אַלץ גרעסער און ברייטער און האַלט אין איין אַרויסברענגען אַלץ מער און מער באַהאַלטענעם לעבן, אַלץ מער און מער פאַרבאָרגענע פּראָבלעמען. דאָס אַנטפּלעקטע לעבן און פּראָבלעמען ציען און רופן, מען זאָל זיך אָפּשטעלן, טיף פאַרטראַכטן און פיל לערנען ביי זיי. צווישן זיי זיינען דאָ אַ סך פון די אייביק־באַהאַנדלטע „אַלטע קשיות“ וועגן ייִד און מענטש, פּרט און כלל, היים און וועלט, שוואַכמוטיקייט און העלדנמוט א. אַז. וו., וואָס איבעם גרויל־שיין פון דער פּערמאַנענטער טויט־געפאַר האָבן זיי אָנגענומען אַזעלכע דראַסטיש־אויסטערלישע פאָרמען און וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן אַ ספּאָנטאַניש־סטיכישן ענטפער און לייזונג מצד גוסטאַ און אַ טייל פון אירע חברים.

בעצם שטעלט מיט זיך פאָר יוסטינעס טאָג־בוך אַ מין „שאלות ותשובות“־בוך פון אַ באַשטימטער שיכט ייִדישער יוגנט אין דער אָקופּאַציע־קלעם. דעמאָלט האָבן זיי אַלע געהערט צו איין אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „ייִדישע קעמפערישע אָרגאַני־

[illegible] פון דער פּערמאַנענטער טויט־געפאַר האָבן זיי אָנגענומען אַזעלכע דראַסטיש־אויסטערלישע פאָרמען און וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן אַ ספּאַנטאַניש־סטיכישן ענטפער און לײַוונג מצד גוסטא און אַ טייל פון אירע חברים.

בעצם שטעלט מיט זיך פאָר יוסטינעס טאָג־בוך אַ מין „שאלות ותשובות"־בוך פון אַ באַשטימטער שיכט יידישער יוגנט אין דער אָקופּאַציע־קלעם. דעמאָלט האָבן זיי אַלע געהערט צו איין אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „יידישע קאַמפערישע אָרגאַניזאַציע פון חלוצישער יוגנט". אַהין זיינען אַריין עקיבא, דרור, השומר הצעיר, הנוער הציוני, השומר הדתי, אויסער דעם אַ צאָל יונגע יידישע קאָמוניסטן און אַ צאָל יוגנטלעכע, וואָס האָבן פריער זיך נישט גערעכנט אין קיין שום באַוועגונג, אָבער זיי האָבן געשטרעבט, געגלויבט אָדער געטרוימט וועגן עפּעס. אַן אַטמאָספער פון גרייטקייט צו קאַמף און צו קרבנות ווערט דאָך געשאַפן נישט צופעליק און נישט פון הימל אַראָפּ. און געשאַפן האָט עס טאַקע יענער טייל יוגנט, וואָס איז געווען דערצויגן דערצו אידייאיש. איז שוין ביי איי־ניקע געהאַרטעוועט און געשמידט געוואָרן זייער גייסט פון שעה צו שעה ממש. דערפאַר טאַקע האָט דער רוף צו טעטיקייט אַזוי לייכט געשטעלט צוריק אויף די פיס אַנדערע צווישן זיי, וואָס האָבן זיך שוין געפונען אויפן סאַמען ראַנד פון צוזאַמענבראָך. און דאָס איז דאָך געשען אין דער זעלבער צייט, וואָס אַן אַנדערער, אידייענלאָזער טייל יוגנט איז דאָרט טאַקע אין געטאָ, געבליבן קאַלט און גלייכגילטיק, און אפילו געזונקען אין פינצטערן יאוש. אין דער זעלבער צייט האָבן דאָך דאָרט אויך נישט געפעלט יידישע יונגע פאַררעטער... אויך וועגן זיי רעדט גוסטא און קעגן זיי

ווענדט זי אירע שטראָף־רייד. אָבער דער עיקר, ווי געזאָגט, קאָנצענטרירט זי זיך אויף דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך אַליין באַפּולמעכטיקט, זיך אַליין געקרוינט מיט אַ שליחות פונעם יידישן פאָלק. נעמלעך: נישט צו דערלאָזן, אַז אין דעם אַלגעמיינעם וועלט־פייער געצילט קעגן פאַשיזם זאָל אויספעלן די יידישע פלאַם, — גרויס אָדער קליין. די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך אונטערגענומען „אויסקעמפן דריי שורות אין דער געשיכטע". אַזוי פלעגן זיי זאָגן, געפילט עס ווי אַ שטאָלצע פליכט לגבי דער יידישער יוגנט, וואו זי זאָל נישט זיין, און אויך לגבי דער יוגנט אונדזערער דאָ אין ישוב.

עס ווייזט זיך אַרויס פון יוסטינעס בלעטלעך, אַז נישט גוסטא און נישט דאָס רוב אירע חברים האָבן זיך דערביי נישט גענאַרט, זיך נישט געשפּילט אין אילוזיעס. ניכטער און באַגרייף־פּיאיק האָבן זיי געזען די ווירקלעכקייט פון דעמאָלט און זי ניכטער פאַראויסגעזען אין דער פּערספּעקטיוו. זיי האָבן נישט איבערגעטריבן, זיי האָבן אָפּגעשאַצט די אויסזיכטן פון זייער אין פאַראויס פאַרלאָרענעם געראַנגל. די אָנפירער פון אָט־דעם געראַנגל האָבן געוואוסט און ביי יעדער געלעגנהייט געלאָזט וויסן זייער קליינער „אַרמיי", אַז סיי ווי, וואָס און און ווי אַזוי זיי זאָלן נישט טאָן, וואַרט אויף זיי אין אומפאַרמיידלעכער סוף — דער טויט. אָבער וואָס קלענער עס זיינען געוואָרן די לעבנס־האָפענונגען, אַלץ מער האָבן זיי געקרוינט און דערהויבן — דאָס לעבן. אַלץ אַ העכערן פּרייז געשטעלט דערפאַר. דעם טויט אַליין האָבן זיי באַנוצט אַלס געווער אין זייער קאַמף קעגן שונא. און ווי מאָדנע עס זאָל נישט קלינגען, האָבן זיי דעם טויט אויך גענוצט אַלס געווער ביים באַזיגן זייער אייגענעם פּחד פאַרן טויט.

לעבן־געבליבענע עדות דערציילן: בשעת מען

פון זייער אין פאַראויס פאַרלאָרענעם געראַנגל, די אָנפירער פון אָט־דעם געראַנגל האָבן געוואוסט און ביי יעדער געלעגנהייט געלאָזט וויסן זייער קליינער „אַרמיי“, אַז סיי ווי, וואָס און ווי אַזוי זיי זאָלן נישט טאָן, וואַרט אויף זיי איין אומפאַרמיידלע־כער סוף — דער טויט. אָבער וואָס קלענער עס זיינען געוואָרן די לעבנס־האָפענונגען, אַלץ מער האָבן זיי געקריגנט און דערהויבן — דאָס לעבן. אַלץ אַ העכערן פּרייז געשטעלט דערפאַר. דעם טויט אַליין האָבן זיי באַנוצט אַלס געווער אין זייער קאַמף קעגן שונא. און ווי מאָדנע עס זאָל נישט קלינגען, האָבן זיי דעם טויט אויך גענוצט אַלס געווער ביים באַזיגן זייער אייגענעם פחד פאַרן טויט.

לעבן־געבליבענע עדות דערציילן: בשעת מען האָט אָפּגעפירט גוסטאַס שוועגערין צעשאַ צום טויט, האָט איר גוסטאַ נאָכגעשריען דורכן פענצטער פון איר טורמע־קאַמער: „צעשאַ, זיי שטאַרק!“ און דערויף האָט די קוים 16־יעריקע צעשאַ איר צוריק אַרויפגע־שריען: „שרעק זיך נישט, איך וועל נישט וויינען!“...

אַליין פון זיך שטעלן זיך אַוועק, איינס קעגן דעם אַנדערן אָט־די צוויי ביכער וועגן חושך־אָקופּאַציע. פון איין זייט „בית הבבות“ פון ק. צעטניק. דער לייענער ווייסט נישט דעם אמתן נאָמען פונעם מחבר און ער ווייסט אויך נישט, וואָס איז שוידערלעכער ציילאָזער אמת און וואָס איז קרענקלעכע פאַנטאַזיע אין זיין שאַ־פונג. פון דער אַנדערער זייט — „יומנה של יוסטינה“ פון גוסטאַ דאַווידזאָן. איר נאָמען איז אמת און אויך איר שאַפונג לויכט מיט דורכזיכטיק־לויטערן אינהאַלט, פון פאָרם, פון ציל.